דער קלימאקס פון דער טראגעדיע און דער סוף פון דאמאלסדיקער פוילישער זעלבסשטענדיקייט איז געווען דייטשע עראפלאנען האבן מעדדעריש באמבאדירט קרעמעניץ, די "צייטווייליקע פוילישע רעזידענץ". די טעג זיינען אין דאמאלסדיקן הערבסט געווען זוניקע און שיינע. אויף דעם בלאען הימל איז נישט געווען קיין איין וואלקן. עס איז געווען אייניקע טעג פאר ראש-השנה. אין קרעמעניץ איז געווען א מארק-טאג. די טויערים פון די ארומיקע דערפער זיינען געקומען אין שטאט פארקויפן זייערע פראדוקטן. די שמאלע גאסן זיינען געווען פול מיט פויערשע פורן. מען האט געהערט דאס הירזשן פון די פערד. "שרה בת-טובים" האט אין דעם מארק-טאג גענומען אין האנד א פאטשיילע און ארויס אין גאס זאמלען געלד פאר די נויטבאדערפטיקע אויף יום-טוב. מיין טאכטער, דאמאלס א יינג קינד, האבן מיר אריינגעגעבן אין דער איינציקער טעטיקע זומער-צייט ארט-שולע. איך, מיין פרוי און די דריי יוט"א-מיטארבעטער זיינען צום רומענישן קאנסול אויף נעמען א טראנזיט-וויזע. מיין זון, דאמאלס א יינגער בחור איז איינער אליין געבליבן אין שטוב ביי די קאמעניצקיס. פלוצלינג האבן זיך אינם לויטערן הימל באוויזן מחנות דייטשע עראפלאנען, וועלכע האבן באשאטן די רויקע שטאט מיט אויפרייס און ברען-באמבעס. עס איז אויסגעבראכן א שרעקלעכע מהומה. די שטאט איז געשטאנען אין פלאמען. עס איז געווארן א ווילדער געלויף פון מענטשן און פערד. דער געשריי פון די פארוווונדעטע איז דערגאנגען ביזן הימל. חוץ פון די באמבעס האט געלויערט א סכנה פון די איינגעפאלענע מויערן און פון די פלאמען פייער. מיר האבן זיך ווי עס איז פארשטעקט צווישן די מויערן און האבן אויסגעמיטן די באמבעס.

ווען די דייטשע מחבלים זיינען אוועק און מען האט געקענט ארויס אין גאס, האבן מיר פאר זיך געזעען א שרעקליך-מוראדיק בילד, בלוט פון מענטשן, פערד און בהמות האט צוזאמען גערונען אין די רינשטאקן פון שטאט. נאענט צו הונדערט מענטשן זיינען דעם טאג געהרגט געווארן און זייערע קערפערס האבן זיך געוואלגערט אין די גאסן. אומעטום האבן געבושעוועט פלאמען-פייער. מיר האבן זיך געלאזט אין דער ריכטונג פון קרעמענעצקיס הויז. דארט האבן מיר אנגעטראפן אויף א טראגיש און גלייכצייטיג הערואיש בילד. א באמבע האט אויפגעריסן נעבן קרעמענעצקיס הויז און האט אפגעריסן די טרעפ וועלכע האבן געפירט אין זייער דירה אויפן ערשטן שטאק. מיין זון איז דורך א פענסטער ארויסגעשפרינגען פון איינפאלנדיקן הויז. אונדזערע גאסט-געבער און ברויטע מכניס-אורחים זיינען אליין געבליבן אן א דאך איבערן קאפ. ער אבער, דער הייליקער עזריאל קרעמענעצקי איז געשטאנען אויף דער גאס און אנגעפירט מיט דער רעטונגס-אקציע. אונדזער גרעסטע זארג דאמאלס איז געווען צו

זיין מיט אונדזער טאכטער. מיר האבן נישט געוויסט דעם וועג צו דער ארט-שולע. מיר האבן אויך נישט געוויסט צו האט נישט א דייטשע באמבע געטראפן אין דער שולע. אונדזער פארצווייפלונג איז געווען גרויס. יעדע מינוט האט געדראט א סכנה פון א נייעם דייטשן לופט-אנפאל. צו אונדז איז צוגעקומען א קריסט, א פריינט פון די קאמעניצקיס און פארגעלייגט צוגיין צו אים אין זיין הויז, וויט פון צענטר, ווו עס איז פארגעקומען די באמבארדירונג. קאמעניצקי ווידער האט געזאגט, אז ער וועט שיקן א ספעציעלן שליח נאך אונדזער קינד. מיר האבן באוויזן קומען אין הויז פון דעם פריינטלעכן קריסט, ווען עס איז געווען א לופט-אלארם. ווען מיר זיינען געווען אין קעלער האבן מיר דערהערט א יאמערלעך געשריי מאמא, מאמא. דאס איז געווען פון אונדזער טאכטער, וועלכע האט זיך אליין דערשלאגן צו קאמעניצקיס הויז און איז דארט אויסגעבראכן אין א יאמערלעך געוויין ווען זי האט אונדז נישט געטראפן. די קאמעניצקיס האבן אבער תיכף גענומען א שליח און אנגעזאגט ער זאל אוועקפירן צום ארט ווו מיר זיינען געווען.

אויף מיין וואנדערונג אין דעם רואינירטן חרובדיקן פוילן פון סעפטעמבער 1939 האב איך זיך אנגעזעען טראגעדיעס ווי עלטערן האבן פארלוירן זייערע מינדיעריקע קינדער און זיי שוין מער קיינמאל נישט געפונען. איך וועל דאריבער קיינמאל נישט פארגעסן די קדושים עזריאל און שרה קרעמענעצקי, וועלכע האבן אונדז געפונען אונדזער קינד. מיין טאכטער איז יעצט אין ישראל און איז לערערין פון דער ענגלישער שפראך אין דער גימנאזיע אין ראשון לציון.

דורך זייטיקע וועגן און אין גרויס געפאר האב איך זיך דערשלאגן צום "ליצעאום". דארט האב איך דערוווסט, אז די פוילישע רעגירונג צוזאמען מיט דעם דיפלאמאטישן קארפוס פארלאזן דעם זעלביקן טאג קרעמעניץ און עוואקואירן זיך קיין רומעניע. אונדז, זשורנאליסטן און אז סאלענדישע קארעספאנדענטן האט מען געראטן מיר זאלן זיך אליין "עוואקואירן". טראנספארט-מיטלן האט מען אבער אונדז נישט געגעבן.

די צייט איז געווען קורץ. באלד וועט צופאלן די נאכט און מיר מוזן וואס גיכער ארויס פון שטאט. אונדז צו הילף איז ווידער געקומען דער נישטפארגעסלעכער פריינט ראזענבערג. ער האט געזארגט, אז איך און מיין גרופע זאלן תיכף אריבערגיין צו זיינס א פריינט, וועלכער האט געוווינט אויסער דער שטאט פון וואנען מיר זאלן קענען ביינאכט אוועקפארן. קאלעגן-זשורנאליסטן האבן זיך דערוווסט, אז איך זוך א וועג זיך ארויסצובאקומען פון שטאט און האבן געבעטן אויך זיי צוראטעוון. מיר זיינען געווארן א גרופע פון 18 פערזאן. דער ענערגישער און איבערגעבענער ראזענבערג האט באשטעלט 4 פויערישע פורן מיט וועלכע מיר האבן געזאלט אוועקפארן אין א דארף, לערך 10 קילאמעטער פון קרעמעניץ. איך און מיין פרוי זיינען אוועק צו די קרעמענעצקיס. ביידע, די נישט-פארגעסלעכע עזריאל און סאניע, זיינען ווייטער געווען פארנומען מיט קעריוון די הילפס-אקציע. מיט א צוגעשטעלטע לייטער האט קרעמענעצקי געוואלט אריין אין זיין וווינונג כדי פון דארט ארויסנעמען אונזערע בידנע ביסל חפצים. דאס איז אבער נישט געווען מעגלעך, ווייל די וווינונג איז געווען פול מיט אנגעווארפענע ציגל און שטיקער וואפנע. סאניע איז צוגעשטאנען מיר זאלן נעמען איר טאכטער׳ס בעבע׳ס מאנטל פאר אונדזער טאכטער ווייל די נעכט זיינען שוין געווען קאלטע. עס האט נישט געהאלפן אונדזער געגנשטעלן זיך. מיר האבן דעם מאנטל געמוזט נעמען מיט דער אויסזיכט איט צוריקצושיקן דורך דעם פורמאן מיט וועלכן וועלן פארן. צו אונדזער גרויסן באדויערן איז דאס אזוי נישט געווען. איך גאר טראגישע אומשטענדן און זייער געדריקטע שטימונג האבן זיך געזעגנט מיט די איידעלע מענטשן, עזריאל און

סאניע קרעמענעצקי. זייער טאכטער בעבע איז גראד נישט געווען. מיר האבן זיך הייליק צוגעזאגט קומען צוזיי אויף א באזוך קיין קרעמעניץ אין בעסערע צייטן. ליידער, ליידער איז אזא צייט נישט געקומען.

ווען מיר זיינען געקומען אויף דעם באשטימטן ארט צו ראזענבערגס פריינט. האבן מיר געהאט א זייער נישט גוטע נייעס. דער פויער, וואס האט געזאלט קומען מיט די פורן ועט נישט זיין. די לאגע איז געווען א פארצווייפלטע. אין דער ענגער וווינונג וווּ מיר האבן זיך געפונען איז נישט געווען קיין פלאץ אפילו ווו צושטיין. אונדזער רעטער אומבאשיצער, פריינט ראזענבערג, האט אבער נישט גערוט. עס האט נישט געדויערט פיעל צייט און ער האט מאביליזירט יידישע פורמאנעס מיט 4 בריטשקעס. ראזענבערג האט אנגעזאגט די פורמאנעס זיי זאלן צופירן צו דעם יידישן פאטער אינם דארף און אים זאגן ער זאל שאפן פאר אונדז פורמאנעס וועלכע זאלן פארטאג מיט אונדז ווייטער פארן. ביי טאג האט מען נישט געקענט פארן ווייל די דייטשן האבן כסדר באמבאדירט די שאסייען.

די האנד האט מיר געציטערט ווען איך האב זיך געזעגנט מיט דעם ערלעכן, בראווּן, האראפאשנעם יידישן פאלקס-מענטש ראזענבערג. אלעס וואס ער האט געטאן פאר מיר, א נעונדניקן יידישן שרייבער, איז פאר אים געווען אזוי פשוט, זעלבסטפארשטענדלעך, ווי ער וואלט דערפילט א חוב, אדער גאר א זכות, פאר וואס ער גאר בארף מיר דאנקן. ווען איך שרייב די דאזיקע שורות וועגן די איידעלע קרעמעניצער יידן, וועלכע איך האב באגעגנט אין מיין קורצער אויפנהאלט אין שטאט, די גאסטפריינטלעכע אייגנטימער פון דער ביר-האלע, די אינטעליגענטע, איידעלע קרעמענעצקי-פאמיליע, דעם ראש-הקהל דעם איידעלן, פרעמדן קריסט, וועלכער האט אונדז אריינגענומען אין זיין וווינונג ואחרון, אחרון, דעם נישט פארגעסלעכן פריינט ראזענבערג. ווען איך דערמאן זיך די דאזיקע הייליקע מענטשן, ווייסט מען ערשט ווי גרויס עס איז די אבידה, ווען מיר האבן נישט מער די קהלה-קדושה קרעמעניץ און אירע איידעלע יידן-קדושים.

רומפּול זיינען זייער נישט-פארגעסלעכע נעמען.

געהייליקט איז זייער אנדענק, יזכור.....

מענדל מאזעס.

קעמפּענדיקע געטאָס: קרעמעניץ

(סאָוויעטיש היימלאַנד, נומער 4,
אפּריל 1968)

א גרעסערע שטאָט אין טארנאפּאלער געגנט אויף אוקראַינע, דא האט עקזיסטירט א גוט ארגאַניזירטע יוגנטליכע אונטערערדישע אָרגאַניזאַציע, וואס האט באַוויזן זיך צו באַזאָרגן מיט געווער און אפילו מיט דייטשישע דאָקומענטן, וואָס האבן דערמעגלעכט באַוועגונגס-פרייהייט פאר אירע מיטגלידער, דער קאַמפּס-פּלאַן פון דער אָרגאַניזאַציע איז געווען געבויט דערויף, אז זי וועט אָנהויבן די שלאַכט קעגן די מחבלים אויסער דער געטאָ-וואַנט. אונטערערדלער האבן גערעכנט, אז זיי וועלן זייף אומשטאַנד נישט צו דערלאָזן די ס.ס.=לייט אַריינצודרינגען אין געטאָ. אין דערין איז געווען דער פעלער זייערער. דעם 9טן סעפּטיאַבער 1942 איז די געטאָ אַרומגערינגלט געוואָרן פון זשאַנדאַרמען און פּאָליציי, און די יונגע חברה האבן שוין נישט באַוויזן אַנבינדן די דייטשן א שלאַכט אויסער דער געטאָ.

עס האט זיך אנגעהויבן א האַרטנעקיקער געראַנגל איז דער געטאָ גופא. אין ערשטן טאָג פון קאַמף זיינען געפאַלן זעקס דייטשן און א פּאָליציאַנט, אין צווייטן טאָג - צען... אויפן דריטן טאָג האבן די קעמפער אונטערגעצונדן די געטאָ, א וואָך צייט האט געדויערט די שריפה, א וואָך צייט האט געפלאַקערט די שלאַכט, ביז וואַנען "דער לעצטער קעמפער פון געטאָ האט אויסגעהויכט זייך אָטעם".

## פון דער רעדאַקציע פון ביולעטין

מיר ברענגען די אויבנדערמאַנטע רשימה פון יוסף בערגמאַן (אין דער ריכטיקער נישט סאָוויעטישע אָרטאָגראַפיע).

מיר מוזן גלייכצייטיק באַמערקן, אַז אין די דערציילונגען פון די ביידע געראַטעוועטע פון געטאָ קרעמעניץ - בצלאל שווארץ און בעלא טעפּער-קאַפּלאַן, וועלכע האבן אויפפירלעך באַשריבן די פאַרניכטונג אין דעם בוך "פנקס קרעמעניץ" - האבן מיר קיין שום באַשטעטיקונג פון די געבראַכטע פאַקטן דורך ה בערגמאַן, סיי וועגן דעם אָרגאַניזירטן אויפשטאַנד און סיי וועגן דעם פאַרברענען פון געטאָ דורך די יידן אַליין.

### א בריוו פון קרעמעניץ

חשובער הער וואַקמן!

מיר אַלע, געבליבענע, די שארית הפליטה, פון יידישן יישוב אין קרעמעניץ, דאַנקען אייך און די איבריקע פאר אייער אויפמערקזאַמקייט. אַלעס וואס עס איז געווען צו טאָן אויף דעם מאַסן-קבר איז שוין געטאַן געוואָרן.

אַרום דעם קבר האבן מיר אַריינגעשטעלט 80 זיילעכלאַך, מיט א רווח פון 2½ מעטער איינער פון צווייטן. דורך די זיילעכלאַך האבן מיר דורכגעפירט דראָט. אויך האבן מיר אויפן קבר פאַרפלאַנצט 100 ביימער, און יעצט זעט שוין דער גיא-ההריגה אויס ווי א בית- עלמין.
אין פרילינג וועל איך דעם פּאַרקן פאַרבן און אייך שיקן א פאָטאָ פון דעם אַלעמען.
נישט געזאָרגט,אַלעס וועט זיין אין אָרדענונג.
איך ווינטש אייך אַלעס בעסטע. זייט געגרוסט. איך דאַנק דעם פריינט באַראַשאַס.

מיט אַכטונג

10 יאַנואַר 1968

ישראל מאַנדעל

יוסף פאק, ראשון לציון

## מאיסיי באריסאוויטש גאלדפארב

(פארווארטס פון מ.ג.)

געציילטע, גאר וועניגע זענען פארבליבן די קרעמעניצער וואס האבן צוביטן דעם ניינטן צענדליג פון זייערע יארן, זאלן זיי אלע מאריך ימים זיין. זיי זענען אונדז טייער אלס לאנדס-לייט, וועלכע זענען געווען בעפריינדעט מיט אונזערע עלטערן און אזוי באנט געווען צו זייער דור און זייער אספיראציעס. זיי זענען אונדז טייער ווייל זיי טראגן אין זייערע הערצער דעם עבר פון אונזער שטאט, וועלכער גרייכט צו דער צייט איידער מיר זענען געבוירן געווארן.

מיט גרויס פארגניגן און אינטערעס לייענען מיר די העפט פון זכרונות, וועלכער דער לערער יוסף פאק, פון די הויבן דערמאנטע מאהיקאנער האט אנגעשריבן ערשט די טעג. באגאבט מיט א גוטן זכרון און א לייכטע פען, האט ער ארויפגעבראכט בעשטאלטן און פארלויפענישן אין אמאליגן קרעמעניץ אויף א געלונגענעם אופן.

צו שמאל זענען די גרעניצן פון אונדזער העפט, מיר זאלן אט די זכרונות קענען פארעפענטליכן מיט איינמאל, מיר וועלן דאס טון ביסלעכווייז, אין פארזעצונגען.

דאסמאל וועלן מיר פון דארט ארויסנעמען דאס געשטאלט פון פאלקס-שול פארוואלטער מאיסיי באריסאוויטש גאלדפארב, וועמענס נאמען אי אזוי טייער פאר פיל קרעמעניצער אומעטום, ווי זיי געפינען זיך.

אונדזער לאנדסמאן אין ניו-יארק, העניך קעסלער, וועלכער איז א לענגערע צייט געווען סעקרעטאר פון קרעמעניצער לאנדסלייט פאראיין אין אמעריקע האט אונז איבערגעשיקט צווישן אנדערע בריוו און דאקומענטן א בריוו פון גאלדפארב צו זיינע געוועזענע שילער, אין אמעריקע. גאלדפארב דערציילט מיט פרייד, אז די געוועזענע שילער זיינע אין קרעמעניץ האבן צו זיין 80-יעהיקן געבורטסטאג געפראוועט א פייערלעכן באנקעט דעם 8-טן מערץ 1930. אויך שרייבט ער, אז אט די געוועזענע שילער זיינע, קלייבן זיך פאראייביגן זיין נאמען.

עס וועט דערום זיין א טיילווייזע פארווירקליכונג פון זייער ווילן, ווען מיר, די נאך לעבן געבליבענע שילער פון גאלדפארב, וועלן אים דא דערמאנען דורך דער שילדערונג פון זיין איבערגעגעבענם תלמיד יוסף פאק.

איידער מי גייען דאס טון, וועלן מיר דא געבן א איבערזעצונג פון א פראגמענט פון גאלדפארבס דערמאנטן בריוו, וואס קען דינען אלס מאטא צו פאק'ס שילדערונג.

"... אייערע פריידן און זארגן אין דער שולע וועלן אפשר יעצט אויפקומען פאר אייערע אויגן און איר וועט זיך ווידעראמאל זעען אלס זארגלאזע, גליקליכע קינדער. אזוי

ווי עס האט געזאגט דער מאנאך פימען אין דער טראגעדיע "באריס גאדונאוו" פון פושקין, שרייבענדיג די קאפיטלעס פון געשיכטע: "די פארגאנגענהייט גייט דורך פאר מיר ; און איך מייל עלטער בין איך אויפסניי יונג".

ס. ג.

יוסף פאק דערציילט:

איך איינעם א טאג איז אין תלמוד תורה אריינגעקומען ר׳ דוד לייב סעגאל ז"ל, דעם זוויהילער רב׳ס איידעם. ער האט זיך געווענדעט צו אונז תלמידים בזה הלשון: "די צייט פון מיטאג בא איך איז פון 2 ביז 3, ווער פון אייך עס וויל לערנען רוסיש, קאן בלויז אויסנוצן אט די צייט און אריינגיין אין חדר פון ר׳ יונה. דארט וועט קומען א לערער אייך לערנען".

איך האב זיך באלד פארשריבן און אויף מארגן בין איך שוין געקומען לערנען, דאס איז געווען באלד נאך פסח, דער לערער האט זיך ארויסגעוויזן צו זיין גאלדפארב, וועגן וועלכן איך האב קיין אנונג ניט געהאט. ער האט אבער אונדירעקט געהאט א גרויסע השפעה אויף מיין שפעטערדיקן לעבנס-גאנג.

דער לערער האט געפירט די לימודים אין רוסיש געגנוג הארמאניש. אזוי אז אין משך פון א פאר מאנאטן בין איך געווען אומשטאנד, גייענדיק איבער דער "שיראקא" גאס צו לייענען די שילדן.

צו נייעס שול יאר האט מיך גאלדפארב אריבער בענומען אין "יעווריעיסקאיע אוטשילי-שטשע" און איך האב איגעפאנגען פון דער ערשטער גרופע.

ערשט ווען איך בין אריבער אין דער ערשטער "אטדעלעניע" האב איך זיך באגייגענט מיט די לערערס גאלדפארב און שקלאווין.

ווי נעמט מען די באזונדערע פעהיקייט צו שילדרן די צוויי גרויסע, טאלאנטפולע לערער, וועלכע זענען אין משך פון פיעל יארן פארגעסערט געווארן דורך א גאנצער פלעיאדע שילערס פון קרעמעניץ און דער סביבה? דער דאזיגער לערן אנשטאלט האט פארגעשטעלט מיט זיך (איך וואלט ניט וועלן מגזים זיין) עפעס ענליכעס צו א אוניווערסיטעט. די דאזיקע שולע האט ארויסבעגעבן פון זיך אלזייטיק אנטוויקעלטע יונגע לייט. ווען די ווענט פון דער שולע וואלטן געווען בכח ארויסצוגעבן די אלע אינהאלטסרייכע לעקציעס, וועלכע זיינען דארט געערט געווארן, וואלטן אלע אנערקענט מיין אפשאצונג, אפשר צו געוואגטע אבער דאך איין אמתע.

ווען גאלדפארב פלעגט, זיצענדיק אויף דער לעקציע, ארונטערבויגן איין פוס אונטער זיך, איז געווען קלאר, אז די דאזיגע לעקציע וועט זיין א פיעל באלערענדע און אזוי ווי דער פוס איז כמעט כסדר געווען ארונטערגערוקט, איז זיין ארט לערנען געשטאגען אויף דער העכסטער שטופע.

ביז היינט געדענק איך ווי ער האט מיט אונז געקנעלט די באוואוסטע דערציילונג פון פושקין: "קאפיטאנסקאיא דאטשקא" ווייזענדיג דערביי ארוים פעדאגאגישע וואונדער.

ער האט ניט געקארגט אונז אריינפירן אין פארשידענע לעבענס פראבלעמען. ער פלעגט ארויסרופן דעם קלאס אויף לעבהאפטע שמועסן. זיין באהאוועגטקייט אין דער רוסישער שפראך איז געווען גרויס. אים איז געלונגען איינפלאנצן אין אונז דעם באגער צו דעם ליטעראריש ארט רעדן און שרייבן. אין די הפסקות צווישן די לעקציעס פלעגן מיר די שילער זיך באנוצן מיט זיינע באליבטע רוסישע אידיאמס אין די שמועסן צווישן זיך.

באזונדערס אינטערעסאנט זענען געווען זיינע גראמאטיק לעקציעס.
דער שילער האט געמוזט זיין א שטארק טעמפער און ניט באהערשן די גראמאטיק, וועלכע גאלדפארב האט מיט אזא ליבשאפט און עכט פעדאגאגישן צוגאנג אונז געלערנט. ווי באוווסט, האבן שילער ניט ליב לערנען גראמאטיק. גאלדפארב אבער האט באוויזן ארויסרופן ענטוזיאזם אויך צו די לעקציעס פון גראמאטיק.

עס איז כדאי צוצוגעבן צו דער כאראקטעריסטיק פון גאלדפארבן דעם פאקט וועלכער איז פארבינדן אויסשליסליך מיט מיין פערזענליכקייט, א פאקט וואס האט משפיע געווען אויף מיין ווייטערדיקן לעבענסוועג. געוויסע, וואס מ׳רופט דאס "אומשטענדן" האבן מיך דערפירט צו איבעררייסן מיינע באזוכן אין שולע. דאן איז גאלדפארב בכבודו ובעצמו געקומען צו מיינע עלטערן אין שטוב און געפירט מיט מיין פאטער, גרשון אייזנבינדער, לענגערע וויכוחים וועגן מיין באזוכן די שולע. אונטער דעם אנטשלאסענעם דרוק פון מיין קלוגער מוטער, און מיט דער מיטהילף פון גאלדפארבס אונהויפערליכער מיה, האב איך באנייט מיין לערנען אין שולע.

מיט דער הילף פון די לערער בין איך געווארן א "רעפעטיטאר". דער ערשטער שילער מיינער איז געווען מרדכי יידל ברויטמאן (שלמה בעקער׳ס זינדל, יאשקע פאנימאיעש׳ס א ברודער). ער פלעגט מיר באצאלן פאר יעדער "פערעלאזשעניע" מיט א בייגל. צו ביסלאך בין איך געווארן א באוווסטער רעפעטיטאר, אבער ניט לייכט איז מיר געווען צו לערנען און אויך לערנען מיט אנדערע.

גרויס איז געווען גאלדפארבס אונמיטעלבארע ווירקונג אויף פיעל פון די שילער. גאלדפארב פלעגט אין די קאלטע ווינטער פארטאגן זיך וואלגערן א נאקעטער אין שניי. דאס האט ארויסגערופן איך ביי די שילער א ווילן צו פארהארטעווען זייער גוף. ער פלעגט האפט פירן א ענטוזיאסטישע אגיטאציע פאר פראפעסאר מעטשניקאוו׳ס טעאריע, וועגן דעם פארלענגערן דעם מענטשענס עלטער. דאס האט זיך אויסגעדריקט באזונדערס אין טרינקען זויער-מילך און קעפיר. בא אים איז שטענדיק געווען א פולער קיילער מיט א די מילך פראדוקטן. אויך האט ער רעקאמענדירט צו עסן עפל און גרינוואַרגס, פרישע פוטער א.ז.וו. א מלחמה עד חרמה האט ער געפירט קעגן "ברויט מיט שמאלץ", כמעט דאס איינציגע מאכל, וואס די שילער פלעגן אזוי גערן עסן צו פרישטיק און אוונדברויט. און גרויס איז געווען דער פארדרוס פון די מוטערס אויף גאלדפארבן, ווען זיי פלעגן דארפן שמירן אין די פרעסט די הארטע ווי שטיין, פוטער אויף די קינדערס ברויט.

געווען איז אין שולע א בופעט, וווּ איצי בייגלמערעגער פלעגט פארקויפן די קינדער ביליגע צוקערלעך. גאלדפארב האט מיט גרויס רוגז בעטאדערט פון די קינדער ניט צו עסן אזעלכע "פאקאסטן", וואס פארסאמען מיט זייערע שיידליכע פארבן די מאגענס. פיעל קינדער האבן אונטער גאלדפארבס ווירקונג געענדערט זייער דיעטע און פירונג, וועלכע זענען אנגענומען געווען אין יידישע שטובער דורות לאנג. און אט אזעלכע קינדער האבן זיך אויסגעצייכנט מיט געשטארקטע קערפערס און א באזונדערער דרייסטקייט אין די שנייקוילן מלחמות וואס זענען אנגעגאן אין הויף פון שולע א גאנצן ווינטער.

וועגן לערער שקלאווין וועמענס השפעה אויף די שילער איז אויך געווען גרויס – א צווייט מאל.

י. רוכל

## פערזענליכקייטן פון קרעמעניצער אפשטאם

ד"ר זאב חסיד, בערקעלי קאליפרניא

פינף יינגלעך, קינדער פון אויסגעשפראכענע ציוניסטישע משפחות. זענען געשיקט געווארן קיין ארץ-ישראל, פאר דער ערשטער וועלט-מלחמה, צום דערציקען זיך.

1. יצחק בן משה איידעלמאן, 2. חיים כץ, 3. זאב (וועלוול) בן מרדכי חסיד.
4. אברהם בן יהושע רוכל, 5. אברהם קריווין.

די ערשטע צוויי - אין גימנאזנע הרצליה" אין יפו, די אנדערע - אין מיטל אגראר-שול אין פתח-תקוה.

אייניגע פון זיי זיינען פארבליבן אין ישראל, נאכן ענדיקן די שולע. זאב (וועלוול) חסיד האט געשטרעבט צו העכערער אויסבילדונג און האט ארויסוואנדערט קיין אמעריקע (אין ארץ ישראל זענען דאן קיין הויכשולן נאך נישט געווען).

פון דאן איז שוין פאריבער א היבש ביסל יארן. אויף א מאל געפינען מיר אויס אין דער טעגליכער צייטונג פון בערקעלי, קאליפארניע, פון 14.9.67, דאס"דער באוווסטער וויסנשאפטלער, פראפעסאר פון ביו-כימיע אין בערקעלי. אוניווערזיטעט, ד"ר וויליאם זאב חסיד האט באקומען "פרס הודסון" פון דער אמעריקאנישער כימיע געזעלשאפט. צוזאמען מיט זיין בילד ברענגט די צייטונג אויספירלעכע אינפארמאציעס וועגן זיינע ערפינדונגען און וויסנ-שאפטלעכע פארשונגען אין פארלויף פון 40 יאר, פון צייט (1927) ווען ער האט אנגעהויבן זיין קאריערע אין קאליפארניער אוניווערזיטעט.

אין פארלויף פון די יארן האט ער פארעפענטליכט אריבער 160 וויסענשאפטלעכע ארבעטן, ער האט פארדינט פיעל וויסענשאפטלעכע טיטולען (תוארים) און איז באוווסט ווייט אויסער די גרענעצן פון אמעריקע.

ער געהערט אויך צו דער וויסענשאפטן אקאדעמיע (אקדמיה למדעים) פון די פאראייניקטע שטאטן.

אין פארלויף פון אלע יארן, איז חסיד געשטאנען אין ענגע פארבינדונגען מיט ארץ-ישראל, און ישראל׳ ער הקלאים קוממענדיק קיין קאלעפארניע שטודירן, פלעגן געפונען ביי אים אן עצה און הילף.

חסיד האט שוין אייניקע מאל באזוכט ישראל, אלס גאסט פון "מכון וויצמאן למדע", ער ווייזט אויך ארויס ווארעמע געפילן פאר אונדזער פארבאנד און שרייבט זיך איבער (אין א גוטן עברית) מיט אונדזערע חברים.

נאך דער ערשטער וועלט-מלחמה זיינען עולה געווען קיין ארץ-ישראל, זיין פאטער ר׳ מרדכי חסיד, מיט דער גאנצער פאמיליע.

מיר ווינשן אונדזער חשוב׳ן לאנדסמאן ד"ר חסיד א סך געזונט און לאנגע יארן פון שעפערישע ארבעט אויפן וויסענשאפטלכן געביט.

## ד"ר מארק כ"ץ, ניו-יורק

א זון פון ד"ר בן-ציון כ"ץ, געוועזענער דירעקטאר פון דער "תרבות" שול אין קרעמעניץ, א אייניקל פון ר׳ משולם כ"ץ (פון די ערשטע "משכילים") מצד זיין פאטער, און פון ר׳ משה רובל (א פארמעגליכער סוחר און באקאנטער געזעלשאפטלעכער עסקן), מצד זיין מוטער. אין זיין יוגנט האט מען אים גערופן "מאַרא" און מען פלעגט זאגן אויף אים, אז ער איז א מאטעמאטיקער פון געבוירן, א טיפ פון א עילוי, אויסגעצייכנט זיך פון קינדווייז אן מיט זיין אויסערגעוויינליכן זכרון; ווען מען האט פאר אים אלס קינד פון פינף יאר פארגעלייגט א דערציילונג, פלעגט ער עס תיכף איבערחזרן. ער האט באקומען א יידישע דערציונג (נישט קיין טראדיציאנעלע) און נאכן פארענדיקן דעם ליצעאום איז ער אין עלטער פון זעכצן יאר אנגענומען געווארן אין לעמבערגער אוניווערזיטעט אויפן פאקולטעט פון פיזיק און מאטעמאטיק, און זיין פראפעסאר האט באלד געזאגט אז זייט צוואנציק יאר האט ער נישט געהאט אזא תלמיד מיט אזא וויסן פון מאטעמאטיק. אין יאר 1938 איז ער גישיקט געווארן דורך דער פוילישער רעגירונג קיין אמעריקע פאר ווייטערדיקער אויסבילדונג. זייט לאנגע יארן דינט ער אלס פראפעסאר פאר מאטעמאטיק אין ראקפעלער-אוניווערזיטעט אין ניו יארק. ער האט פארעפענטליכט א ריי פארשונגען אויפן געביט פון מאטעמאטיק, וואס האט אים פארשאפן א נאמען פון אן אינטערנאציאנאלן-גאון אויף דעם געביט.

מיט צוויי יאר צוריק האט דער ראקפעלער אוניווערזיטעט אים באשאנקן מיט אן אויסצייכנונג ס-בריזו פאר זיין וואגיקע ארבעט פארן פארשריט פון מאטעמאטיק, אלס איינער פון די זיבן גרויסע וויסנשאפטלער אויף דעם געביט אין דער גארער וועלט, אין דער זעלבער צייט – מיט מענטשליכן שארם, וואס איז אים געלונגען צו געפינען א גוטן קאנטאקט מיט די סטודענטן און זיינע זייער ערנסטע לעקציעס צו געבן מיט פול הומאר. אין דער מאנאטס-שריפט Scientific Research פון חודש מערץ 1968 איז פארעפענטליכט געווארן מיט אים אן אינטערוויו וועגן דער אויסווירקונג פון מאטעמאטיק אויף אנדערע וויסנשאפטלעכע געביטן, צוזאמען מיט זיין בילד אויפן שער פון דעם זשורנאל. מיר נעמען נישט אויף זיך די אויפגאבע פון ספעציאליסטן צו פארשטיין דעם ארטיקל, אבער מאטעמאטיקער, וועלכע האבן עס געליינט, תאלטן זיין צוגאנג אלס זער אריגינעל, נישט קאנווענציאנעל.

מיר ווונטשן אונדזער בן-עיר, דעם געלערנטן, ווייטערדיקן פארשריט אויף זיין ארבעטס-געביט.

---

שמואל טייטעלמאן

## אונדזער הילפס טעטיקייט

אין די ערשטע יארן פון אונדזער פאראיין, ווען עס איז נאך אנגעגאנגען די עליה פון די לאבערן, איז אונדזער הילפס טעטיקייט געווען א פארברייטערטע. אויך האבן מיר דאמאלס געשיקט אונדזערע לאנדסלייט קלענערע הלוואות אויף לאנגע טערמינען אן פראצענט

מיר האבן זיי אויך מיטגעהאלפן, ווו ווייט מעגלעך, ביים איינארדענען זיך אויף ארבעטס פלעצער א.א.וו.

ביסלעכווייז האבן זיך די לאנדסלייט איינגעארדנט און אקלימאטיזירט, אבער דאך איז נאך געבליבן ביז היינט א טייל לאנדסלייט וועלכע מען דארף שטיצן, און מיר טוען דאס, ווי ווייט מעגלעך - רעגולער. צווישן זיי זענען פאראן בראניש-קראנקע, אלטע לייט און אנדערע, וועמענס עקזיסטענץ באלאנגט אין דער שטיצע פון לשכת הסעד (הילפ'ס ביורא). מיר שטייען אין קאנטאקט אין אייניקע פאלן מיט דער לשכת הסעד און קומען איר אקעגן מיט געלט פון אונדזער זייט, ווען עס האנדלט זיך וועגן א קרעמעניצער. צומאלס איז נויטיק אפילו צוצושטעלן געוויסע זאכן צו איינעם אין שטוב אריין, אדער עפעס צום פערזענלעכן נוצן, ווי ארטאפעדישע-שיך א.א.ווי

ווען דאס איז נאך מעגלעך געווען, האבן מיר איבערגעשיקט פעקלאך און געלט פאר קרעמעניצער יידן און פאר חסידי אומות העולם, וועלכע האבן זיינע צייט געראטעוועט אדער געשטיצט יידן.

צי אס די אלע צוועקן האבן אונדז געדינט ביישטייערונגען פון קרעמעניצער אין אמעריקע, ארגענטינע און קאנאדע, ווי אויך אין ישראל.

אבער דאס אלעס צוזאמען גיט אונדז נישט די פולע מעגלעכקייט פאר א ברייטערע הילפס ארבעט. מעגלעך, אז מיר דארפן א טראכט טון וועגן א גמילות חסדים קאסע, אבער צו דעם צוועק זענען נויטיק גרעסער סומען געלט.

פון די הלוואות, וועלכע מיר האבן א מאל פארטיילט זענען ווייניק צוריקגעקומען, און דאס איז צוליב פארשידענע, גאנץ פארשטענדליכע סיבות.

---

ס. ג.

### ר' דוד רובין        והדרת  פני  זקן

חוה"מ פסח ה.י. האט די פארוואלטונג פון כפר-חסידים געפראוועט א מסיבה דעם איינוואוינער פון דארף, און אונזער לאנדסמאן דוד רובין, לכבוד זיין 87-טן געבורטסטאג.

אויף דער מסיבה זענען אנוועזענד געווען מער ווי הונדערט געסט, צווישן זיי דער רב גלמן (פירער פון "מזרחי") און אונדזער לאנדסמאן עזריאל בורן (גארענבוט).

דוד רובין באשעפטיגט זיך נאך יעצט מיט שרייבערייי, ער איז א באשטענדיגער מיטארבייטער אין דעם זשורנאל פאר יידישן פאלקלאר "ידע עם". אין פארבינדונג מיט זיין ארבייט קומט נאך אוים ארויסצופארן פון דארף. ער איז לעצטענס געשיקט געווארן אלס פארשטייער פון דארף תפילה זאגן באם כותל המערבי. ער האט בשעת מעשה, שרייבט ער, אויך איגזינען געהאט אלע קרעמעניצער.

ר׳ אלעזר בריק

צוריק מיט א יאר האט די משפחה פון אלעזר בריק באצייכנט דעם 80 יאריקן געבורטסטאג זיינעם.

אלעזר בריק איז עולה געווען קיין ארץ ישראל צוזיר מיט 48 יאר. ער איז דאמאלס געווען פון די גאר וועניגע יידישע שלאסער אין לאנד פון זיין קוואליטעט.

זיין ראיה איז לעצטענס שטארק אפגעשוואכט געווארן און ער האט געמוזט פארלאזן זיין ארבייט, מיט וועלכער ער האט זיך ביז ניט לאנג פארנומען.

מיר האבן אים דעם שבועות באזוכט צוזאמען מיט וואקמאנען און מיר זענען צופרידן געווען צו טרעפן אים פול מיט הומאר, ווי אלע יארן.

זאלן זיי אט ביידע זקני קרעמעניץ מאריך ימים ושנים זיין.

---

## פארבינדונג מיט אונדזערע לאנדסלייט אין אויסלאנד

### א בריוו פון ארגענטינע

טייערע לאנדסלייט מיינע אומעטום אווו איר זענט !

איך קום אייך יעצט איבערגעבן דעם בריישן שלום עליכם וואס דער ארגענטינער קרעמעניצער איד האט אייך איבערגעשיקט דורך מיר.

די חברים י רוכל און מ. גאלדענבערג, שרייבן מיר איך זאל זיי שיקן א באריכט פון דער טעטיקייט פון די קרעמעניצער לאנדסלייט אין ארגענטינע. שטייט בא מיר די פראגע, וועגן וואס זאל איך שרייבן? וואס פאר א ברייטע טעטיקייט פירן מיר דא? אויב מיר קומען זיך צוזאמען א מנין קרעמעניצער אלע וואך, בכדי צו דאווענען א קאפיטל קרעמעניץ - איז דאס נישט מער ווי רעכט. עס וואלט געווען א גרויסער אומרעכט ווען מיר טוען דאס נישט, און דוד המלך האט דאך אונדז געלערנט: " אל תקנא בעושי עולה". בלויז אפאר מאל אין יאר טרעפן מיר זיך, מער-ווייניקער אריבער הונדערט קרעמעניצער ל"ל צוזאמען: דעם 14טן אוגוסט ווען מיר זענען מזכיר נשמות אונדזערע קדושים וטהורים און ווען מיר פייערן דעם חג העצמאות.

נו, דאס גאנצע לעבן אייגענטלעך איז דאך פול מיט די דאזיקע צוויי מאמענטן: טרויער און פרייד. איז נישט מער ווי רעכט, אז מיה זאלן זיך צוזאמענקומען און אפמערקן די דאזיקע צוויי קעגנזעצלעכע שטראמען וואס פארפלייצן אונדזער לעבן. פונקט אזוי ווי מיר טרויערן טיף און ווייטעקלעך נאך אונדזערע אומגעקומענע אין טאג פון חורבן קרעמעניץ— פונקט אזוי טאנצן מיר פאר פרייד און חדוה, אין טאג פון יום העצמאות. מיר פרייען זיך דאפלט: אלס איד און אלס קרעמעניצער, ווייל אין ישראל האבן מיר אפגעפונען א גאנצע עדה קרעמעניצער ל"ל מיט וועלכע מיר שטייען אין ענגן קאנטאקט און מיר באווונדערן זייער געדולד און ארבעטסזאמקייט, לזכר קרעמעניץ. די לעווינזאן ביבליאטעק וואס זיי האבן געשאפן איז נישט אפצושאצן. און מערקווירדיק, אין אזעלכע גורלדיקע טעג אין וועלכע עס לעבן אונדזער טייערע לאנדסלייט אין ישראל, האבן זיי דאך געפונען צייט און געדולד און געבן ארויס א ביולעטין "קול יוצאי קרעמעניץ" וועלכער פארבינט אונדז מיט אלע קרעמעניצער אין דער וועלט און פארשטארקט אזוי-ארום נאך מער דעם זכר קרעמעניץ.

איז וואס פאר א ווערט האט אונדזערע אקטיוויטעטן דא אין רויקע, זאטע גלות לענדער. דאס וויכטיקע וואס מיר קאנען און דארפן טאן איז זען, אז די לעווינזאן ביבליאטעק זאל באררייכערט ווערן מיט די נויטיקע ביכער און זשורנאלן. מיר דארפן אויך זארגן אז דער ביולעטין "קול יוצאי קרמניץ" זאל פארזעצן מיט זיין דערשיינען. אייניקע ל"ל בא אונדז אין ארגענטינע האבן אויסגעדרוקט זייער ווילן אז דער ביולעטין זאל פון צייט צו צייט געבן עפעס פון דער פארגאנגענהייט, דערמאנען א וויכטיקן עפיזאד, א ביאגראפיע פון א פערזענלעכקייט, שילדערן געוויסע טיפן פון קרעמעניץ, מיר האלטן אז נישט אלץ איז אריין אין די יזכור ביכער, אויב אפילו יא, - מאכט אויך נישט אויס, ווייל מיר גלויבן, אז די יזכור ביכער האט מען שוין לאנג נישט געליינט און ס'איז נויטיק צו דערמאנען.

ס'איז אויך וויכטיק צוצוגעבן, אז מ'האט פריער געמיינט, נאך דעם ווי ס'איז נישט מער נויטיק געווען די הילף פאר די שארית הפליטה, אז עס וועלן אונטערגיין די

לאנדסמאנשאפטן, פון דעססוועגן זעען מיר אז אין ישראל און אויך אין אנדערע לענדער האט זיך פארשטארקט די אקטיוויטעט פון די לאנדסמאנשאפטן. ביי אונדז אין ארגענטינע למשל, זענען די לאנדס-מאנשאפטן קאנצענטרירט אונטער איין דאך פון דעם "נאציאנאלן ראט פון די פוילישע לאנדסמאנשאפטן" וועלכער פירט אן און סטימולירט די גרויסע נאציאנאלע אויפטאן.

ס'איז גענוג אנצווייזן אויפן פאקט אז אין די היסטארישע 6 יוני טעג פון יאר 1967 ווען ישראל איז געווען אין סכנה'דיקן קריג מיט די אראבער, האבן די פוילישע לאנדסמאנשאפטן בעשאפן שנעל, אדאנק דער קאנצענטראציע, די סומע פון 20 מיליאן דאלאר און אפגעשיקט קיין ישראל.

די צענטראלע אזכרה אקטן וואס די לאנדסמאנשאפטן ארדנען איין צום יארצייט פון ווארשעווער געטא אויפשטאנד זענען זייער אימפאזאנט און פון גרויסער וויכטיקייט.

מיט איין ווארט די לאנדסמאנשאפטן פירן אויס א גרויסע נאציאנאלע געזעלשאפטלעכע מיסיע. א סימן האט איר אז אפילו אזעלכע ל"ל וואס האבן ליב צו פראווען התבודדות ביי א טיש מיט קארטן אדער בלאט בטלנות – קומען די לאנדסמאנשאפטן און גיבן אים א גוטן קאנפרענציטס אדער א גוטע פארשטעלונג פון נאציאנאלן פאלקס טעאטער, אדער א קאנצערט, און די ל"ל ווערן ווידער געזעלשאפטלעכע ברואים. ווי עס שטייט אין פרקי אבות: "הלל אומר" 'אל תפרוש מן הציבור'".

צום סוף ווילן מיר דא אין נאמען פון אונדזער פארוואלטונג אין בוענאס איירעס דאנקן דער רעדאקציע קאלעגיום פון "קול יוצאי קרמניץ" פאר דער רובריק "שפענדונגען פון אויסלאנד" אין וועלכער מיר דערוויסן זיך אז –

| | |
|---|---|
| אירגון קקמניץ – ארגענטינע | 500– דאלאר |
| אירגון קרמניץ – ניו יארק | 200– דאלאר |

גאט זאל זיי געבן, אונדזערער לאנדסלייט אין ניו יארק, געזונט און גוטן ווילן, וואס ווינטשט אייך אלעמען אייער לאנדסמאן

מרדכי כ"ץ.

## דער קרעמעניצער ל"ל פאראיין אין ארגענטינע

## פייערט זיין צוואנציק יאריקן יובילעאום

די קרעמעניצער לאנדסלייט אין בוענאס-איירעס, זענען זיך נוהג צופייערן יעדעס יאר דאס יום העצמאות. דאס מאל איז די שמחה געווען א דאפלטע. עס איז דאס יאר בעווארן צוואנציק יאר זייט דער קרעמעניצער ל"ל פאראיין אין ארגענטינע איז בעגרינדעט געווארן. זיי האבן דערום בעפראוועטביידע פייערונגען אין אייך אורנס.

די מסיבה איז געווען גאר א געהויבענע און אינהאלטס-רייכע.

בעעפנט דעם אונד דער פרעזידענט פון פאראיין חיים מארדיש, וועלכער האט אויך גערופן די פארזאמלטע צו באערן דעם אנדענק פון די געפאלענע זין: אבשלום צידון- ציזין און יעל ירון-קרעמענטשוצקי.

מיט דער פאראנשטאלטונג האט נאכהער אנגעפירט דער ח׳ מרדכי כ"ץ, וועלכער האט אויך פארוויילט דעם עולם מיט זיין געזאנג און דעקלאמאציע.

א באריכט וועגן דער טעטיקייט פון פאראיין האט אפגעגעבן די חברה ציפע כ"ץ.
דאס מאל האט זיך באטייליקט אויף דער מסיבה פיל יוגנטליכע, צווישן זיי אריה מארדיש, חיים מארדישעס זון.

ער איז געווען איינער פון די פרייוויליקע אין ישראל בשעת דעם 6-טעגיקן-קריג. אין זיינע רייד האט ער איבערגעגעבן אז ער מיט זיינע חברים האבן באשלאסן זיך אומקערן אין ישראל נאכן פארענדיקן זייער שטודיום און האט אויסגעדרוקט זיין האפנונג, דאס נאך די בנים וועלן אויך עולה זיין די עלטערן ער האט געהופן די עלטערן שיקן די קינדער אין יוגנט-ארגאניזאציעס, ווו זיי וועלן קריגן א נאציאנאלע דערציאונג, וואס וועט זיי ענג פארבינדן מיט ישראל.

א לענגערן רעפעראט האט נאכער געהאלטן דער שרייבער מרדכי קויפמאן.
דער עולם האט זיך פארוויילט ביז שפעט אין דער נאכט.

-----------

## דער באזוך פון זאב (וועלוול) שניידער פון דעטרויט

אפריל דאס יאר האבן באזוכט ישראל אונדזער לאנדסמאן זאב (וועלוול) שניידער מיט זיין פרוי אסתר.
שניידער איז, ווי באוווסט, דער איניציאטאר פונעם געדאנק צו גרינדן א ביבליאטעק אויך לעווי־זאנ'ס נאמען, אלס א דענקמאל פאר די קרעמעניצער קהילה. שניידער איז איינער פון די שעצער פון ריב"ל, און זייענדיק געניט אין זיין לערע, פארעפענטליכט ער פון צייט צו צייט וויסנשאפטלעכע ארטיקלען וועגן אים.

גלייכצייטיק, האט דער חבר שניידער ארגאניזירט אין דעטרויט א קרייז פון העברעאישע שרייבער און לערער, אלס "פריינט פון ריב"ל ביבליאטעק", וועלכע האבן פארשאפן פאר דער ביבליאטעק הונדערטער זעלטענע און וויכטיקע ביכער.

שניידערס אפטע בריוו זענען פאר אונדז א קוואל פון מוט און פון זאכליכע עצות.
זיין באזוך איז געווען א וויכטיקע בעשעעניש, און א געלעגנהייט פאר א "חשבון הנפש" און א אנצייכנונג פאר אונדזער צוקונפטיקער ארבעט.

אויף דעם פייערליכן צוזאמענטרעף מיטן ה׳ שניידער אין ריב"ל׳ס ביבליאטעק דעם 7.4.68 איז אפגעגעבן דעווארן אן אויספירלעכן איבערבליק וועגן דער אנטוויקלונג פון דער ביבליאטעק ביז יעצט, ווי אויך א איבערבליק וועגן דער קרעמעניצער לאנדסמאנשאפט בכלל אין ישראל.

דער ה׳ שניידער אין זיין רעדע האט זיך קאנצענטרירט איבערהויפט אויף די פראבלעמען פון ריב"ל ביבליאטעק און איר צוקונפט. ער האט אויפגפאדערט צו שאפן ענגערע פארבינדונגען מיט די צוויי אוניווערזיטעטן אין תל-אביב, ווי אויך פארגעלעגט צו באנייען סטיפענדיעס פאר סטודענטן פאר עסייען אויפן געביט פון "ספרות ההשכלה"

ער האט אויך געשפענדעט א געוויסע סומע געלט צו דעם צוועק.
דער אפטייד אורנט פון חבר שניידער און זיין פרוי איז פארגעקומען אין "בני ברית" זאל ווו עס האבן זיך צוזאמענגעטראפן דער "שבט" פון די שניידערס אין ישראל (55 פארשוין קיין עין הרע - כן ירבו), אויך זענען אנוועזענט געוועזן פארשטייער פונעם ועד.

## דער באזוך פון י. וואקמאן

עס איז איבעריק איבערצודערציילן וועגן י. וואקמאן׳ס געבענטשטע טעטיקייט פאר דער קרעמעניצער לאנדסמאנשאפט אין ניו יארק, ווי אויך פאר דעם "מפעל הזכרון" אין ישראל.

א מינהג האט ער זיך געמאכט יעדעס יאר, אדער אפילו צוויי מאל א יאר צו באזוכן ישראל צוזאמען מיט זיין פרוי גניא (די טאכטער פון מאטוס חזן). אויך זייערע דריי טעכטער מיט די איידעמס קומען אויף א באזוך פון צייט צו צייט.

וועגן וואקמאן׳ס באזוך אין ישראל נאך דעם ׳זעקס-טאג׳ קריג האבן מיר שוין דערציילט אין פריערדיקן העפט.

דער ועד האט געהאט מיט זיי א ספעציעלן צוזאמענטרעף אין ריב"ל ביבליאטעק, און שפעטער אויך אין מלון "דן". ביי דער געלעגנהייט האט דער חבר וואקמאן באזוכט אייניקע פון די "זקני קרעמעניץ" (אלעזר בריק - תל-אביב, יוסף פאק - ראשון לציון, נחום גרינבערג-בת-ים) הו

מיר האבן זיך פארטיילט מיט די איינדרוקן וועגן דער טעטיקייט פונעם אירגון אין ישראל און וועגן דער "סאסייטי" אין ניו יארק. ביי דער געלעגנהייט האט זיך אויפגעוועקט דער ערנסטער פראבלעם פון דור ההמשך: ווי אזוי צו באווירקן די יוגנט וועלכע זענען געבוירן און געצויגן געווארן אויסער קרעמעניץ, און פארבינדן זיי מיט "זכר קרעמעניץ". לאמיר האפן אז עס וועט זיך געפונען א וועג צו די הערצער און מענטאליטעט פון אונדזער "דור ההמשך".

אין דעם באזוך האט דאס פאר וואקמאן צוגעגרייט דעם באדן פון זייער עליה עס בויט זיך א הויז פאר זיי אין ירושלים, אם זאל קאנען פארנעמען אויך זייערע קינדער.

שוין יעצט ווינטשן מיר זיי "ב ר ו כ י ם ה ב א י ם".

## געסט פון ארגענטינע

אין אפריל און אין אנהויב מאי דאס יאר, האבן אין ישראל געווײלט אלס געסט פון ארגענטינע, אונדזערע לאנדסלייט קיפערמאן און חיים נאדעל, ביידע זענען זיי פון די טיכטיקסטע מיטגלידער פון קרעמעניצער לאנדסלייט פאראיין און בוענאס=איירעס. בשעת זייער באזוך דא האבן זיי אויף זיך גענומען די טרחה זיך צו זען מיט א סך קרעמעניצער אין ישראל און געבראכט זיי גרוסן פון זייערע קרובים אין ארגענטינע.

אויף דער פייערלעכער אויפנאמע זייערער, אין דער לעווינזאן=ביבליאטעק האבן זיך פארזאמלט א גרעסערע צאל קרעמעניצער.

דער אוונט איז אדורך אין א געהויבענער שטימונג און אין א הארציקער אטמאספערע. אין דעם ווערטער אויסטויש האבן זיי זיך ביידע באטייליקט מיט רייד פול מיט טעם און ווינטערעס. מיר האבן פון זיי בעהערט וואס עס ווערט געטאן אין זייער לאנדסלייט פאראיין אין באצוג צו זייערע מיטגלידער, צו דעם אנדענק פון אונדזערע קדושים, צו מדינת ישראל ואחרון אחרון צום ארגון יוצאי קרמניץ אין ישראל.

מיט א געפיל פון ווארעמער ברודערשאפט האבן מיר זיך געזעגנט מיט די טייערע געסט שפעט אין אוונט.

## תרומות פון אויסלאנד

מיר זעצן דא פאר די רשימה פון די שפענדונגען, וועלכע מיר האבן פארעפענטליכט אין דער העפט "קול יוצאי קרמניץ" נומער 2, א טייל פון די געלטער זענען מלכתחילה אנגעמערקט געווארן פאר באשטימטע צוועקן און א טייל – לטובת דעם מפעל הזכרון. די שפענדער פון סומען ווייניקער פון 25 דאלאר ווערן דא נישט אויסגערעכנט.

| לטובת "קול יוצאי קרמניץ" | דאלאר |
|---|---|
| 8.67 – קרעמעניצער ל"ל פאראיין אין ארגענטינע, איבערגעשיקט דורך מ. כ"ץ | 33 |
| 1.68 – אהרון געלעראנט, איטאליע | 50 |
| 4.68 – קרעמעניצער ל"ל פאראיין אין ארגענטינע דורך ח. מארדיש | 55 |
| 5.68 – בנימין בארשאפ, ניו-יארק | 50 |
| 6.68 – הילדה שווארצאפל-רויט, ניו-יארק | 25 |
| פון פארשידענע לאנדסלייט אין אמעריקע | 55 |
| **פאר פארשידענע פאראויס אנגעמערקטע צוועקן** | |
| 4.68 – יצחק וואקמאן, ניו-יארק פאר נויטבאדארפיגע | 100 |
| 4.68 – נארמאן דעסער, ניו-יארק פאר נויטבאדארפיגע | 25 |
| 6.68 – וואלף שניידער, דעטרויט, אלס פרייז פאר א ווערק וועגן דער השכלה תקופה | 160 |
| **לטובת דער לעווינזאן ביבליאטעק** | |
| 4.68 – נטע קיפערמאן פון בוענאס איירעס, בעת א באזוך אין ישראל | 80 |
| 5.68 – יצחק וואקמאן ניו-יארק, בעת א באזוך אין ישראל | 100 |
| 5.68 – בנימין בארשאפ, ניו-יארק | 100 |
| 5.68 – קרעמעניצער סאסייטי אין ניו-יארק | 100 |
| | 933 דאלאר |

<u>ברוכים הבאים</u> !

<u>מאקס דעסער</u>

דאס 17טן יולי וועט קומען קיין ישראל אויף א קורצן באזוך מאקס דעסער מיט זיין פרוי קלארע פון קאנאדע, דאס איז זייער צווייטער באזוך אין ישראל.

דאס מאל וועלן זיי זיך דא טרעפן מיר זייער זון און שנור, וועלכע מאכן דורך א וויסנשאפט-דיפלאמע אין דעם "הדסה" מעדעצינישן-צענטער אין ירושלים.

מאקס דעסער איז טיכטיק צווישן אונדזער לאנדסלייט אין קאנאדע און איז אן איבער-געגעבענער פריינט פון אונדזער לאנדסמאנשאפט אין ישראל. ער האט מיט זיין איניציאטיוו און אנשטרענגונג געשאפן באדייטענדע געלטער פאר אונדזער טעטיקייט דא, ער שטייט מיט אונדז אין א באשטענדיגן קאנטאקט.

<u>דוד ראפאפארט</u>

דעם 23-טן יולי קומט צו אונדז אויף א באזוך דוד ראפאפארט פון ניו-יארק. ער איז יעצט סעקרעטאר פון דעם קרעמעניצער לאנדסלייט פאראיין דארט.

דוד ראפאפארט האט אין לויף פון יארן רעדאגירט און ארויסגעגעבן א יידישן דריי-מאנאטליכן זשורנאל אין ניו-יארק. אייניקע פון זשורנאלן ענטהאלטן לידער פון ראפאפארט'ס פען, וועלכע זענען געווידמעט קרעמעניץ, און צייכנען זיך אויס מיט פיל ליבע און בענקשאפט צו זיין היים-שטאט מיט זיינע אומגעקומענע יידישע ברודער דארט.

זיין רשימה אין "קרעמעניצער יזכור בוך" פון ארגענטינע פארענדיקט ראפאפארט מיט די פאלגענדע ווערטער:

"אפשר איז נאך ערגעץ דא א קרעמעניץ. נאר אזוי ווי כ'קען זיך ניט פארשטעלן א ים אן וואסער, א הימל אן א באט, אזוי קען איך זיך ניט פארשטעלן א קרעמעניץ אן יידן".

----------------

<u>פ.ב.</u>

צום יארצייט פון די געפאלענע זין אונדזערע

<u>יעל ירון</u>

דעם 9-טן יוני 1968 איז אויסגעפאלן דער יארצייט פון יעל, דער זון פון שימה און יזהר ירון-קרעמענטשוצקי. ער איז געפאלן אין דעם זעקסטעגיקען קריג. א מאנאגראפיע וועגן אים האבן מיר פארעפענטליכט אין "קול יוצאי קרמניץ" נומער 2.

צו זיין יארצייט האט דער קיבוץ עין השופט, וווּ יעל איז געבוירן און אויפגעבראכט געווארן, ארויסגעגעבן א בוך געווידמעט זיין נאמען. א וויכטיקן פלאץ אין דעם בוך פארנעמען זיינע בריוו צו די עלטערן און חברים. אין די בריוו דריקט זיך אויס זיין אידעלע נאטור און טיפער פארשטאנד.

## <u>אבשלום צידון</u>

צום יארצייט פון אבשלום צידון, דער זון פון חנה און שמואל ציזין, וועלכער איז געפאלן אין זעקסטעגיקן קריג, האט זיך א גרויסער עולם פון זיינע ארבייטס-חברים, פריינט און בני-העיר פון חנה מיט שמואל'ן פארזאמלט אויף דעם מיליטערישן אפשניט פון בית-עולם קרית שאול תל-אביב.

א מיליטערישער חזן האט געזאגט די פאסיקע תפילות און דער אנפירער פון "קרן הגימלאות" האט אין ווארעמע ווערטער אים מספיד געווען.

א קורצע צייט פאר דעם, ערב יום העצמאות, האט מען אין א ראדיא פראגראם, געווידמעט די געפאלענע זון, פון ישראל איבערגעגעבן א שמועס פון א 7 יעריק קינד מיט א פארשטעער פון ראדיא, די ווערטער פון יינגעלע עופר, וואס האט דערציילט וועגן זיין געפאלענעם פאטער, האבן שטארק גערירט די הערצער פון די טויזנטער צוהערער. אט דאס קינד, איז אבשלום'ס ז"ל זון, חנה מיט שמואל'ס אייניקל.

איך האט דער באוווסטער זשורנאליסט רפאל בשן פארעפנטליכט א ברייטן אינטערוויו אין "מעריב מיט אבשלום'ס פרוי און מיט עופר'ן.

## <u>אלי רגב ז"ל</u>

דעם 4.6.68, איז דורך א מינע, וועלכע אראבער האבן אונטערגעלייגט אויף דעם באדען פון קיבוץ מעוז-חיים, דערהרגעט געווארן דער 25 יעריגער אלי רגב.

אלי רגב איז דער איידעם פון יעקב חסיד ז"ל, ר' מרדכי חסיד'ס זון. אלי האט געהייראטעט די טאכטער פון יעקב און רעיה, בלהה, און געווען מיט זיי צוזאמען א חבר אין קבוצת כנרת. אלס קינד פון 5 יאר איז אלי מיט זיינע עלטערן עולה געווען קיין ישראל פון לוב. צו דער קבוצה האט ער זיך איינגעשלאסן ערשט נאך דער חתונה מיט בלהה'ן. פון פאך א דיפלאמירטער לאנדווירטשאפט אינסטרוקטאר, האט ער זיך מיט לייב און לעבן אפגעגעבן דער ערד-ארבייט אין קיבוץ.

זיין איבערגעבענהייט צו זיין פרוי, טעכטערל גילת און שוויגער רעיה, האט ארויסגערופן באוואונדערונג בא יעדן. אט דאס, ווי אויך לעבנסלוסט ווערן ארויסגעדריקט אין זיינע בריוו פון שלאכט פעלדער.

מיר וועלן דא ברענגען נאר צוויי ציטאטן פון זיי, וועלכע וועלן דאס אמבעסטן ארויסדריקן.

ירושלים 8.6.67

"... שוין עטליכע טעג ווי קלויב זיך דיר צו שרייבן אפילו נאר א פאר ווערטער בלויז דיך צו בארואיקן, אבער, ליידער, האב איך דאס ניט געקענט אויספירן, ווייל מיר האבן געפירט א שווערן און אכזריותדיקן קאמף איבער דאס אלטן ירושלים. ווי דו זעסט יעצט בין איך געבליבן געזונט און שטארק..."

און נאך זיין אנטייל אין דעם באוואוסטן שלאכט אין כראמה, די "אל פאתח" נעסט

אין "ירדן" שרייבט ער.

"... ווי דו זעסט בין איך ווידער ארויס אפילו אן א קראץ. שרעקליך און ערשיטערנד איז אלעס געווען. אמת, דאס קומט נאך אלץ ניט צו דעם וואס עס איז געווען אין ירושלים, אבער דער ווילן צו בלייבן לעבן און אומצוקערן זיך אייך א היים איז געווען פונקט ווי דארט....... וויפיעל מאל איז דאס מעגליך אנטיילנעמען אין שלאכטן און ניט געטראפן ווערן? מענטשן זאגן אז דאס איז א מזל, אנדערע ווידער טענען אז דאס איז א סימן אז אזא מענטש איז אנגעצייכנט צו לאנגע יארן..."

און אט ווי גאר אונערוווארטעט דער טויט האט אלי'ן געפאנגען.
יהיה זכרו ברוך.

---

מ. ג.

# הלכו לעולמם

<u>צירה בערענשטיין</u>, די שוועסטער פון ריבע ז"ל און בעלא איז פלוצלינג געשטארבן. זי האט די לעצטע פאר יאר שטארק געליטן, אבער דאך איז דער טויט אירער פאר אלע קרובים און פריינט געווען אונערוווארטעט. עס האבן זי באגלייט אויף איר לעצטן וועג די קרובים און קרעמעניצער. איר קבר געפונט זיך אין שכנות מיט איר מאנ'ס אויף די בית עולם אין רחובות.

יהיה זכרה ברוך.

<u>בעלא גרינבערג</u>, דעם 30.1.68 איז געשטארבן די פרוי בעלא, נחום גרינבערג'ס ווייב, ייבדל לחיים. זי איז געווען די איינציקע טאכטער פון איר דור אין קרעמעניץ, וועלכע האט זיך בעראטעוועט פון די רוצחים'ס נעגל.

זי האט געהאט דעם גרויסן זכות צוזאמען מיט די קינדער, איידעמס און אייניקלעך, עולה זיין קיין ארץ-ישראל, האט געהאט דעם זכות צו זען דעם אויפקום פון מדינת ישראל, און האט אפילן זוכה געווען, קורץ פאר איר טויט, בייצוזיין אויף דער חתונה פון אייניקל, שרה ברוניה און מילעק טייטעלמאנ'ס טאכטער.

יהיה זכרה ברוך.

<u>אברהם פייער</u>, דעם לעצטן ווינטער, איז אברהם פייער נאך א שווערער קרענק געשטארבן. ער איז פון די ערשטע, וואס האבן אין די לעצטע יארן עולה געווען פון ארגענטינע. מיט געדולט האט ער צוזאמען מיט זיין פרוי איבערגעטראגן די יסורים פון קליטה, און ווען ער האט זיך שוין צוגעפאסט צום לאנד, האט אים דער אכזריותדיקער טויט אוועקגענומען.

פייער איז געווען אן איבערגעגעבענער מיטגליד פון אונדזער פאראיין, ניט דורגעלאזט קיין איינע פון אונדזערע צוזאמענקונפטן, וועלכע זיינען פאר אים אלעמאל געווען אן אנגענעמע איבערלעבעניש.

איבערגעלאזט א פרוי, זיינע א איבערגעגעבענע באגלייטערן אין לעבן.

יהיה זכרו ברוך.

שרה פרידעל, אין פתח תקוה איז אין טיפער עלטער געשטארבן די אלמנה פון ר' מענדל פרידעל. זי האט זיך געפונען לאנגע יארן אין ישראל און געוווינט צוזאמען מיט איר טאכטער נעמי און איידעס בונים ספעקטאר. דער זון אירער אברהם איז א לאנגיאריקער חושב פון ירושלים. זי האט אויך געלאזט א טאכטער אין אמעריקע.

יהיה זכרה ברוך.

רוחמה רוכל

דעם 14-טן יגואר 1968 איז געשטארבן נאך א הארץ אטאק יצחק רוכל'ס פרוי, רוחמה, אין עלטער פון 66.

געבוירן אין פתח-תקוה, געערט צו דער באוואוסטער פאמיליע שטאמפער, פון די גרינדערס פון "אם המושבות", פתח-תקוה.

אין דער צייט פון רוחמה'ס יוגענד איז פארגעקומען א געראנגל אין אלע יידישע קאלאניעס, און אין פתח-תקוה באזונדערס, צווישן די אייגנטימער פון לאנדווירטשאפטן, און די יידישע ערדארבייטער איבער פראגן פון עבודה עבריח, און עס האבן זיך געשאפן צוויי אנטאגאניסטישע לאגערן. רוחמה וועלכע האט לויט איר אפשטאם געהערט צום ערשטן לאגער, האט געהאט דעם מוט זיך שטעלן צו דער זייט פון די ארבייטער און זיך אנשליסן אין "הסתדרות"

איר לעבנס וועג איז פול געוועזן מיט אינטענסיווער געזעלשאפטליכער אקטיוועטעט. זי האט זיך פיל אפגעגעבן דער ערציערישער טעטיקייט פאר דערוואקסענע, באזונדערס תימנער און אנדערע מזרח געמיינדעס, צו וועלכע זי האט א באזונדערן צוגאנג געהאט.

רוחמה איז געוועזן צווישן די גרינדער פון דער פארדינסטפולער פרויען ארבייטער ארגאניזאציע "ארגון אמהות עובדות" און איז אלע יארן געוועזן זעהר טעטיג.

זי איז געוועזן א ליבהאבערן פון דער ארץ-ישראל נאטור און אירע אלטער-טימליכקייטן ווי אויך פון תנ"ך פארשונגען. אויף די געביטן האט זי אפט געהאלטן פאפולערע פארטראגן פאר די תל-אביבער פערעפעריע איינוואוינער.

רוחמה האט מיט אינטערעס און פריינדשאפט זיך באצויגן צו דער טעטיקייט פון קרעמעניצער ל"ל פאריין. זי איז אונז אפט געקומען צו הילף מיט א גוטער עצה און דערמו-דערמונטערענד ווארט.

חאטש זי האט קרעמעניץ קיינמאל ניט געזען, האט זי אסך געוואוסט וועגן קרעמעניצער לעבענס שטייגער, עפיזאדן און טיפן.

מיר וועלן אייביק געדענקען די גאסטפריינדליכקייט אירע בשעת אונדזערע באגעגענישן בא זיי אין הויז, אין משך פון אונדזער כמעט 25 - יעריגער טעטיקייט.

ברוך זכרה.

## צוליב א פאר שטיוועלעך

וועגן בנימין בארשאפ, אונזער בכבודיגן לאנדסמאן אין ניו-יורק האבן מיר פילעס געהערט זינט דער קרעמעניצער ל"ל פאראיין איז בעגרינדעט געווארן, א קיימא-לך פון 26 יאר.

אבער פאר די עלטערע עסקנים אין קרעמעניץ איז ער באקאנט געווען נאך אין די יארן, וועלכע זיינען געקומען באלד נאכן ערשטן וועלט קריג, ווען הילף איז דרינגענד נויטיג געווען.

בנימין בארשאפ גרינדעט דאן די קרעמעניצער הילפס סאסייאטי אין ניו-יורק, און פון דאן פליסט די הילף קיין קרעמעניץ, אזש ביז די לעצטע יארן פון איר עקזיסטענץ . ער און זיינע חברים זעצן פאר צו שטיצן זייערע ברודער פון דער אלטער היים איבעראל, וואו זיי זיינען פארווארפן געווארן.

נאך לאנגע יארן פון שווערער ארבייט האט ער זיך יעצט צוריקגעצויגן פון די ביזנעס און איז פריי געווארן א קוק טאן אויף צוריק. אלס פועל יוצא דערפון ליגט דא פאר אונז א פעקל בריוו זיינע. פון זיי שיילט זיך אויס דאס געשטאלט פון א הארציגן פאלקס מענטש.

מיר דרוקן א טייל פון זיי יעצט, די איבעריגע אין פאלגענדן נומער, אזוי ווי זיי שטייען און גייען, אין זייער רויער אונפארמיטלבארקייט און רירענדער אפנהארציקייט.

ס. ג.

## א קורצע הקדמה

חשובער הער רוכל!

איך וויל זיך פארשטעלן פאר אייך. מיין נאמען איז בנימין בארשאפ, א קרעמעניצער ייד, וואס לעבט שוין 65 יאר אין ניו-יורק. איך בין זעהר ווייניג עוולעס באגאנגען צו דער פענסיע, איבערהויפט צו מיינע קרעמעניצער לאנדסלייט. איך בין געגאנגען א גלייכן וועג פאר אלע מיינע יארן. איך האב שוין דערלעבט א שיינע עלטער, 82 יאר. צוריק מיט 2 מאנאטן האב איך מיט מיין פרוי און קינדער, צוזאמען 8 פערזאן, געזאלט קומען קיין ישראל. קריגן אבער מיין איידעם איין הארץ אטאק, און נאכער פיהל איך זיך ניט אזוי גוט. אפשר איבעריאר. הלואי!

איך האף אז איר וועט זיך קאנען דורכקלאפן אין מיינע בריוון, און מיין שלעכט שרייבן, דאס איז דאס בעסטע וואס איך קאן. אין קרעמעניץ זענען מיינע לעהרער געווען 2 ברידער, שכנים און חברים, געוואקסן צוזאמען: אייזיק און מאטיע קארניץ. איך האב זיי ביידע בעצאלט 20 קאפיקעס א וואך צו לערנען רוסיש, וואס איך האב שוין פון לאנג פארגעסן. מיין יידיש האב זיך געלערנט ביי אייזיק שרייבער ביז איך האב געקענט שרייבן א שורה-גרוס. עס זעהט אויס אז איך בין ניט געבוירן געווארן צו זיין א שרייבער – עס האט מיר געפעלט דער שליסעל. אין מיין סטאלעריי האב איך אלעס געקענט. מ'האט מיך געהאלטן

פאר א קינצלער, אבער צום שרייבן האט מיר געפעהלט דער ווילן און מעשים. אין קרעמעניץ האב איך געדארפט ארבייטן 14 שעה אין טאג. אין אמעריקע בין איך געווען פארנומען מיט די לאנדסלייט. מיר האבן פערמאגט אלע די זעלבע קענטעניש אבער ליבשאפט איינער צום צווייטן איז אין 1903 געווען מער ווי אין 1968.

זייט מיר געגריסט מיט אייער פאמיליע. איך גריס אויך אלע קרעמעניצער און לאנג לעבן זאל מדינת ישראל.

בנימין בארשאפ

<u>צוליב א פאר שטיוועלעטן</u>

אצינד וויל איך דערצעהלן ווי אזוי איבער א פאר שטיוועלעטן בין איך געפארן קיין אמעריקע.

אט אזוי איז די פאסירונג.

מיין חבר'ס א ברידערל האט זיך געלערנט ביי וואלף שוסטער די מלאכה. ער פלעגט מאכן די בעסטע שיך. קומט אריין א פריץ מיט זיינעם א שייגעץ און באשטעלט אפאר שטיוועלעטן פאר 9 רובל. דאנערשטאג קומט דער פריץ מיט דעם שייגעץ אפ צונעמען די שטיוועלעטן, זענען זיי אבער צו קליין אויף אים. דארף מען מאכן אפאר אנדערע שיך. וואלף שוסטער דארף אבער האבן די 4.50 אויף שבת, ווייל דער פריץ האט איינגעצאלט 4.50. שיקט ער ארויס מיין חבר'ס ברידערל פערקויפן די שיך. קומט ער צוגיין צו מיר און ווייזט מיר די שיך און זאגט מיר אז איך קען זיי קויפן פאר 4.50 רובל; איך מעסט אן די שיך און אזוי ווי געוואונשן! איך האב אפילו ניט געקענט חלומען פון אזעלכע שיך. איך האב געוואוסט וואו מיין טאטע האלט דאס געלט, מיין געלט, אין דער אלטער קאנאפע – געה איך און נעהם ארויס $4\frac{1}{2}$ קערבלאך, ווייל מיין טאטע איז ניט געווען אין דערהיים. ווען ער איז געקומען פון באט ווייז איך אים די שיך, פרעגט ער מיר וואו איך האב גענומען די געלט – זאג איך אין דער קאנאפע. – נו, נו – ער האט גענומען שרייען אז ער איז מעהר קיין טאטע ניט – מען פרעגט ניט ביי אים – איך בין א סאמאוואלנע, סאמאפראוונע. ווען ער האט געענדיגט שרייען – זאג איך אים: אין דער קאנאפע ליגט דאס מיין געלט. נעהם די שיך און גיב זיי צוריק צו וואלף שוסטער און איך ארבעט מער ניט ביי דיר.

בין איך אוועקגעגאנגען צו מיין פעטער אביש און אים געזאגט אז איך וויל ארבייטן ביי אים 4 וואכן און דערנאך פאר איך קיין אמעריקע. מיין פעטער אביש האט מיר צוגעזאגט 20 רובעל מיט עסן פאר די 4 וואכן. איך איין געווייסן טאג האב איך זיך געזען מיט איציק סבארשטשיק און ער האט מיר געבראכט א פאס פאר 50 קאפיקעס. ווען איך האב געענדיגט די פיר וואכן – האב איך זיך געזעגנט מיט אלע פריינד און מיט דער משפחה. אין מיינע 17 יאר וואס איך בין אלט געווען בין איך געפארן קיין אמעריקע. מיין טאטע האט מיר באגלייט ביז ראדיוויל, ביי דער גרעניץ האט ער זיך אויסגעוויינט, מיך געקושט און געזאגט אז איך בין א גוט קינד. דאס איז געווען אין 1903. מיט אפערמעגן פון 20 רובעל האב איך זיך געפונען אין בראד – פון בראד געפארן קיין לעמבערג. איך האב באלד איינגעזען אז מיט 20 רובעל קען מען ניט קומען קיין אמעריקע. אין לעמבערג אויף דער סטאנציע האב איך גערעדט מיט יידן און זיי דערציילט אז איך בין א גוטער סטאלער און איך פאר קיין אמעריקע און האב ניט גענוג געלט, האט מען מיר געזאגט איך זאל געהן אין דעם "יוניאן" דארט וועט מען מיר העלפן. אין דעם "יוניאן" האב איך געקריגן איין אנווייזונג ווי אזוי צו פארן פון צו שטאט ביז ראטערדאם. אין יעדער שטאט וועט מען מיר געבן 2–3 טעג ארבייט ביי סטאלערײ, ביז איך וועל האבן גענוג געלט פאר א שיפס קארטע.

אין אויגוסט 1903 בין איך אנגעקומען ק יין ניו-יורק. 6 יאר האב איך געארבייט ביי יענעם - אין 1909 בין איך שוין געווארן א בעל הבית פאר זיך.

איך האב זיך ניט וואס צובאקלאגן אויף אמעריקע. אין 1912 האב איך חתונה געהאט מיט א פיין יידיש מיידל, און מיר האבן א זון, 2 טעכטער, 6 אייניקלאך און 3 אוראייניקלאך, און אלע צוזאמען א פאמיליע פון שלום.

אין די אלע יארן וואס איך בין געווען אקטיוו אין מיין פאך האב איך געהאט א גוטן נאמען צווישן יידן און קריסטן. איך בין אויסגעקומען מיט אלעמען הערצליך און טענשליך. און באזונדערס האב איך ליב געהאט מיינע לאנדסלייט און זיי האבן מיך אויך ליב געהאט.

אין יאר 1918 האב איך, דער בן סורר ומורה, ארויסגענומען קיין אמעריקע מיינע טאטע-מאמע און אזוי ארום זיי געראטעוועט פון דעם שרעקליכן גורל פון אונדזערע ברודער דארט.

* *
*

העפט 3

# קרעמעניצער

# לאנדסלייט

# שטימע

## אין ישראל און אויסלאנד